# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................5:38
מוצאי שב"ק...................7:11

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................איוב י"ח-י"ט
בבלי...........................נזיר מ"ז
ירושלמי..................דמאי י"ג
תוספתא...........בבא בתרא י"א
רמב"ם........................עדות י"ג

פרשת תשא, שבת פרה, י"ח אדר, שנת תשפ"ג לפ"ק — שנה 12, גליון 24 (594)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹקִים הֵמָּה, דִי לוּחוֹת זֶענֶען דִי זַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווִי רַשִׁ"י זָאגְט, כְּאָדָם הָאוֹמֵר לַחֲבֵרוֹ כָּל עֲסָקָיו שֶׁל פְּלוֹנִי בִּמְלָאכָה פְּלוֹנִית, כָּךְ כָּל שַׁעֲשׁוּעָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּתּוֹרָה, ווִי אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ צְוֵייטְן אַז יֶענֶעמְ'ס גַאנְצֶע זַאךְ אִיז אַ גֶעווִיסֶע סָארְט בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְג, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ אוּן גֶעשְׁמַאק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כח), עֶס אִיז גוּט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דוּרְכְלֶערְנֶען אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען דָא, עֶר זָאל דוּרְכְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט בַּיי דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים וָואס פָארְן אַרוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, זֵיי גֶעבְּן אוֹיס אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אַלְץ נָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען נָאכְדֶעם בַּארִימֶען פַאר אַלֶעמֶען וואוּ זֵיי זֶענֶען אַלְץ גֶעוֶוען, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין וַוארְשָׁא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִין אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט. דִי זֶעלְבֶּע דַארְף אַ אִיד לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים, אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אַז עֶר הָאט אַלֶעס גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערָאל.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס וֶועט קֶענֶען זָאגְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין מְדִינַת 'בַּבְלִי'", "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין מְדִינַת 'יְרוּשַׁלְמִי'"; אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ גַאנְץ יְרוּשַׁלְמִי, זֶענֶען אָבֶּער דָא שְׁטֶעט, גַאסְן אוּן הַייזֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט (מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת) פוּן מְדִינַת יְרוּשַׁלְמִי"; "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַ גַאס (אֵיין בְּלַאט), פוּנֶעם שְׁטָאט (מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת) אִין 'מְדִינַת יְרוּשַׁלְמִי'"; "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַ הוֹיז (אַפָּאר שׁוּרוֹת), פוּנֶעם גַאס (בְּלַאט), פוּנֶעם שְׁטָאט (מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת), פוּן 'מְדִינַת יְרוּשַׁלְמִי'". אַזוֹי וֶועט זִיךְ יֶעדֶער קֶענֶען בַּארִימֶען מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יֶעדְן סֵפֶר.

ווִי שֵׁיין וֶועט זַיין וֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען, "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ"ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר; אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גָאר אַסַאךְ, דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ בַּאזוּךְ יֶעדֶע חוֹדֶשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוֹיךְ אִין כָּל סִפְרֵי רַבֵּינוּ וְכוּ' וְכוּ'", דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם) אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט. אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט זָאגְן דִי פּוֹסְקִים (שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב, הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, פֶּרֶק ב, הֲלָכָה יג) אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט לֶערְנֶען מִיט דִי נְשָׁמָה, וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט אָן פַארְשְׁטַאנְד.

אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען מִיר זָאגְן אַז אַ חַבֵר אָדֶער אַ מַגִּיד שִׁיעוּר הָאט אִים גֶעווִיזְן אַז אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה (שָׁם) שְׁטֵייט דֶער שִׁיטָה פוּנֶעם מָגֵן אַבְרָהָם (אוֹרַח חַיִּים סִימָן נ, סְעִיף קָטָן ב') אַז מֶען אִיז נִישְׁט יוֹצֵא בַּיי 'תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה' אוֹיבּ מֶען זָאגְט אָן פַארְשְׁטַאנְד; עֶר הָאט דִיר גֶעווִיזְן אַ שְׁטִיקְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב, זָאל עֶר דִיר וַוייזְן דֶעם גַאנְצְן שְׁטִיקְל, מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט קוּקְן נָאר אַ הַאלְבֶּע שְׁטִיקְל, זָאל עֶר דִיר וַוייזְן וָואס עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט דֶערְנֶעבְּן (סְעִיפִים י, וי"ג) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן דוּרְכְזָאגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אַזוֹי וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט לֶערְנֶען מִיט זַיין נְשָׁמָה.

זָאג כָאטְשׁ אֵיינְמָאל דוּרְךְ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אַז מֶען אִיז זִיךְ מְסַדֵּר אַ סֵדֶר ווִיפִיל צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן, מֶען קֶען אִין צְוֵויי דְרֵיי יָאר עֶנְדִיגְן 'כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה'! אִין יְשִׁיבָה זֶענֶען גֶעוֶוען בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אִין עֶטְלִיכֶע יָאר גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר, ווִיפִיל בְּלַאט בַּבְלִי אוּן ווִיפִיל בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי דוּ גֵייסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אַזוֹי אוֹיךְ נְבִיאִים וּכְתוּבִים, אַלֶע מֶדְרָשִׁים, וְכוּ' וְכוּ'. דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאוַוייזְן, מֶען דַארְף נָאר ווִיסְן ווִי אַזוֹי דָאס צוּ מַאכְן, וָואס קוֹדֶם צוּ לֶערְנֶען אוּן וָואס נָאכְדֶעם צוּ לֶערְנֶען, אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַלֵיינְס קֶענְסְטוּ פְרֶעגְן אֵיינֶעם וָואס וֵוייסְט יָא, אוּן עֶר וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן אִין מִשְׁנָיוֹת, מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן פַאר בָּחוּרִים: "נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, דִי מִשְׁנָיוֹת זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן", נָאכְדֶעם הֵייבּ אָן 'תַּלְמוּד בַּבְלִי' אוּן אַזוֹי גֵיי וַוייטֶער בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. אֵיי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דָאךְ נִישְׁט וָואס אִיךְ לֶערְן? אָבֶּער מַיין נְשָׁמָה פַארְשְׁטֵייט, אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועל אִיךְ אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין. אוֹיסֶער דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי קְלָאר (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין, אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה וֶועט מֶען מִיט דִי צַייט אַלֶעס אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין.

דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אוּן דָאס אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס זַאךְ, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אַסַאךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, כִּי תִשָּׂא תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ צוּ הָאבְּן חֲבֵרִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַלֵיין, וֶוערְט עֶר פוּן דֶעם זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אַזוֹי וַוייט אַז דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (תַּעֲנִית כ"ג.) "אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא" - אָדֶער הָאט מֶען חֲבֵרִים, אָדֶער ווִינְטְשְׁט מֶען זִיךְ דֶעם טוֹיט חַ"ו. דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע גֶעבְּרוֹיךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּ הָאבְּן חֲבֵרִים, וַוייל אָן דֶעם הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין לֶעבְּן.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט חֲבֵרִים. חֲבֵרִים אוּן גוּטֶע פְרַיינְד זֶענֶען טַאקֶע זֵייעֶר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ חַבֵר בְּלִינְדֶערְהֵייט. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט מֵיינְט זִיךְ, יֶעדֶער זוּכְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה, אוּן אֲפִילוּ דַיין בֶּעסְטֶער פְרַיינְד אִיז אוֹיךְ נָאר אִינְטֶערֶעסִירְט אִין זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה. ווִי לַאנְג עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק אִינְאֵיינֶעם וֶועט עֶר טַאקֶע זַיין דַיין חַבֵר, אָבֶּער אִין דִי מִינוּט וָואס עֶס וֶועט אִים אוֹיסְקוּמֶען בֶּעסֶער אַנְדֶערְשׁ, קֶענְסְטוּ נִישְׁט ווִיסְן וָואס עֶר וֶועט דֶעמָאלְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען דַארְף הַאלְטְן אָפְן דִי אוֹיגְן אוּן קֵיינְמָאל קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן בְּלִינְדֶערְהֵייט.

דָאס אִיז גָאר אַ ווִיכְטִיגֶער כְּלַל וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּז ווִיסְן כְּדֵי צוּ קֶענֶען דוּרְכְגֵיין זַיין לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט. מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף

<<<<<<

## א גוטווארט

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוועלֶע.

דוּ שְׁרַייבְּסְט בִּיסְט פַארְלוֹירְן, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מֶער וְכוּ'; בֶּעט אִיךְ דִיר, פַארְלִיר נִישְׁט דַיין אֱמוּנָה; הָאסְט אַלֶעס פַארְלוֹירְן אָבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְלִיר נִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט וֵויינֶען נָאךְ דִי מִלְחָמָה בַּיי דִי הֵיילִיגֶע דְרָשׁוֹת, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיר הָאבְּן אַלֶעס פַארְלוֹירְן, אָבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן מִיר נִישְׁט פַארְלוֹירְן"; בְּרוּדֶער, מִיט דִי וֶוערְטֶער קֶען מֶען זִיךְ גוּט מְחַזֵּק זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# פַּרְשַׁת פָּרָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא-פָּרָה, י"ז אָדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבֶ'ע חֲבוּרָה תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**
**בְּרֶסְלֶב בִּירוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אַפָּאר וֶוערְטֶער, דָאס זָאלְט אִיר לֶערְנֶען צוּזַאמֶען בַּיי שָׁלוֹשׁ סְעוּדוֹת.

אִיךְ ווִיל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אַז בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט פָאר זָאל מֶען נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן; עֶס דַארְף זַיין שְׁטִיל, מֶען דַארְף זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי גוּטֶע עֵצוֹת.

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן טָהֳרַת יִשְׂרָאֵל, דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָה; מִיט דֶעם אִיז מֶען מְקַיֵּים (הוֹשֵׁעַ יד, ג): 'וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ', דָאס אִיז דִי הֲכָנָה צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עד): "אַחַר פּוּרִים קוֹרִין פָּרָשַׁת פָּרָה שֶׁהִיא הֲכָנָה לְפֶסַח, כִּי פָּרָשַׁת פָּרָה קוֹרִין כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ נִזְהָרִין לְטָהֵר מִטֻּמְאַת מֵת, כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ טְהוֹרִין לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח", ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְטַהֵר פוּן טֻמְאַת מֵת? דוּרְךְ: 'וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ', מִיטְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (הוֹשֵׁעַ, שָׁם): "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה', אִמְרוּ אֵלָיו כָּל תִּשָּׂא עָוֹן וְקַח טוֹב, וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ"; אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען רֵיין פוּן אַלֶעס אוֹיף וָואס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין אִין אַ פְלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ; עֶר וֵויינְט צוּ אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? וויפִיל מָאל אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר צוּ זַיין וואוֹיל פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ!"** דוּרְכְדֶעם נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע עוֹנְשִׁים; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוּן נֶעמְט אִים צוּרִיק.

בִּפְרַט אַ מֶענְטְשׁ וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִים גֶעפַאנְגֶען אִין זַיין נֶעץ, עֶר זִינְדִיגְט אִין דִי מִיאוּסֶ'ע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, זָאל עֶר נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן זָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר ווִיל בֶּאֱמֶת טוּן, עֶר זָאל זָאגְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, בֶּאֱמֶת ווִיל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ, רֵיין אוּן הֵיילִיג, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶס אִיז מִיר נִמְאָס דָאס לֶעבְּן"**; וֶוען מֶען טוּט דָאס, מֶען קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ, נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶע זַיינֶע תְּפִילוֹת אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם אוֹיסְצוּמֶעקְן אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים.

אִיךְ ווִיל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג; יֶעדֶער זָאל לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא. גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט דֶעם יֵצֶר הָרָע; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְמָרָא, אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.

אִיךְ בִּין נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם, אָבֶּער מַיין הַארְץ אִיז מִיט עֶנְק; אִיךְ טְרַאכְט פוּן עֶנְק אוּן אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְקֶער הַצְלָחָה.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף, וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ אַייךְ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תִשָּׂא תש"פ)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

חֲבֵרִים בְּלִינְדֶערְהֵייט, וֶוערְן נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט. דֶער חַבֵר וֶועמֶען מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטְרוֹיעֶט, אוּן יֶענֶער הָאט מַמָשׁ צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט הֶעלְפְן; דֶער זֶעלְבֶּער אִיז גָאר דֶער עֶרְשְׁטֶער דִיר צוּ בַּאגְרָאבְּן וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוֹיס בֶּעסֶער אַזוֹי.

פַארְלָאזְן קֶען מֶען זִיךְ נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיף מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים ס, יג) "וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם" - סְ'אִיז פַאלְשׁ צוּ וַוארְטְן אוֹיף דִי הִילְף פוּן אַ מֶענְטְשׁ. ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַיין אַז סְ'אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן; זֵיי קֶענֶען נִישְׁט, זֵיי ווִילְן נִישְׁט, אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הֶעלְפְן; אַלְץ מֶער עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הוֹיבְּט אָן מֶער אוּן מֶער צוּ שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס שְׁטֵייט אִים צוּ דִי הַאנְט אוּן אִיז אִים גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער "שָׁ'וְא תְּ'שׁוּעַת אָ'דָם" אִיז דִי זֶעלְבֶּע רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ווִי דִי וֶוערְטֶער "אֲ' שְׂ'פָתַי תִּ'פְתָּח". דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם אַז ווִי מֶער מְ'זֶעט ווִי פַאלְשׁ סְ'אִיז זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף דִי הִילְף פוּן מֶענְטְשְׁן, אַלְץ מֶער רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז בַּיי אַלֶע סָארְט זַאךְ אַזוֹי אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, סְפֶּעצִיעֶל זֶעט זִיךְ עֶס אָבֶּער מֶער אַרוֹיס וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אָנְוָוארֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעלְט, נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן אִידִישׁ גֶעלְט. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָבֶּער זֵייעֶר נִישְׁט פָארְזִיכְטִיג בַּיי דֶעם, וֶוען עֶס קוּמְט אֵיינֶער וָואס זָאגְט צוּ גָאלְדֶענֶע גְלִיקְן אוֹיבּ מֶען וֶועט אַיינְשְׁטֶעקְן בַּיי אִים דָאס גֶעלְט, עֶר זָאגְט צוּ אַז מֶען וֶועט מַאכְן דֶערוֹיף טָאפְּלְט אוּן טְרִיפְּלְט, טְרַאכְט מֶען נִישְׁט צְוֵויי מָאל אֵיידֶער מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם אַוֶועק דָאס גַאנְצֶע אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט. אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אִיז שׁוֹין פַארְלוֹירְן אוּן מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אוֹיסְגֶעזֶעקְלְט אִינְגַאנְצְן. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען נָאךְ מֶעגְלִיךְ צוּרִיק בַּאקוּמֶען פוּן יֶענֶעם, אִיז נָאר אַז עֶר וֶועט דִיר אֶפְשָׁר אִיבֶּערְבֶּעטְן...

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס פְלֶעגְט אַרוֹיסְפָארְן יֶעדֶעס יָאר קַיין חוּץ לָאָרֶץ צוּזַאמְצוּשְׁטֶעלְן גֶעלְט. אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפָּארְט אַ סְכוּם פוּן פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן דַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים אִיבֶּערְגֶערֶעדְט אַז עֶר זָאל אַיינְלֵייגְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט בַּיי אִים, אוּן עֶר וֶועט דָאס צוּרִיק בַּאקוּמֶען מִיט גָאר גְרוֹיסֶע פַארְדִינְסְטְן, פִיל מֶער פוּן דִי גֶעלְט וָואס עֶר לֵייגְט אַיין. דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אִיבֶּער רֶעדְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מְצִיאָה וָואס אִיז אִים אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט אַהֵינְגֶעגֶעבְּן פַאר יֶענֶעם זַיין גַאנְצֶע אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט. נָאךְ מֶער אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוָוארְן וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ חוֹדֶשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אִים שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּשִׁיקְן דִי חוֹדֶשׁ'לִיכֶע סְכוּם וָואס זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי צְוֵוייטֶע חוֹדֶשׁ, אוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם אִיד אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס. אָבֶּער דָא הָאט זִיךְ עֶס גֶעעֶנְדִיגְט... וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם דְרִיטְן חוֹדֶשׁ הָאט אִים יֶענֶער קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר הָאט אָנְגֶעזֶעצְט דֶעם גַאנְצְן גֶעשֶׁעפְט; עֶס טוּט אִים זֵייעֶר לַייד, אָבֶּער דָאס גֶעלְט אִיז מֶער נִישְׁט דָא צוּ בַּאקוּמֶען. אוּן דֶער אִיד אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעבְּלִיבְּן בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל.

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶער בַּיישְׁפִּיל אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הַאלְט אִין אֵיין וָוארֶענֶען אוּן חַזְרְ'ן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין מֶענְטְשְׁן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן. דָאס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ אַוֶועקְצוּגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל בְּלוֹיז שְׁפִּילְן מִיר דִיר.

דָאס אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ אוּמְגֶעוֶוענְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג וָואס גֶעשֶׁעט זֶעלְטְן, דָאס אִיז אַ טָאג טֶעגְלִיכֶע עֶרְשַׁיינוּנְג אַז מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין אַזַא סָארְט פַּאסְטְקֶע. עֶס זֶענֶען דָא גֶערִיבֶּענֶע שְׁווִינְדְלֶער וֶועלְכֶע גֵייעֶן אַרוּם צוּ פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אַיינְשְׁטֶעקְן דָאס גֶעלְט בַּיי זֵיי, וֶועט מֶען מַאכְן אוֹיף דֶעם גְרוֹיס גֶעלְט. אוּן וֶוען דֶער שְׁווִינְדְלֶער הָאט שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶענוּג פִישׁ אִין זַיין נֶעץ, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעקְלִיבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ גֶעלְט, דַאן הוֹיבְּט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן אַנְטְלוֹיפְט דֶערְמִיט, אוּן עֶר רוּפְט אוֹיס אַז עֶר הָאט פָּשׁוּט אָנְגֶעזֶעצְט אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט דָאס גֶעלְט.

מֶען דַארְף פָּשׁוּט נוּצְן אַבִּיסְל דֶעם שֵׂכֶל אוּן אַרַיינְקְלֶערְן אַז אוֹיבּ אַ פְּרִיוַואטֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַז עֶר קֶען גֶעבְּן מֶער פְּרָאצֶענְט פוּן וויפִיל דִי בַּאנְק גֶעבְּט, אִיז שׁוֹין אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ לִיגְנֶער. דָאס

>>>>>>

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

שְׁמֶעקְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן קַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט יֶענֶער אָנְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיין פָּנִים, אוּן עֶרְלִיךְ אַרַיינְשִׁיקְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צָאלוּנְגֶען, אוּן מִיט דֶעם גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל אַזוֹי וִוי אַלֶעס פָּארְט אוֹיף דִי גוּטֶע דִירֶעקְצְיֶע. דָאס אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי דֶער שְׁפִּיל פוּן דִי לָאטֶערִיעֶס אוּן דִי גֶעמְבֶּל-שְׁפִּילְן, וואוּ דִי גֶעלוּנְגֶענֶע שְׁווינְדְלֶער זֶעעֶן דֶערְצוּ אַז אִין אָנְהוֹיבּ זָאל דֶער מֶענְטְשׁ פַּארְדִינֶען עֶפֶּעס קְלֵיינִיקַייטְן, אוּן דָאס זָאל גֶעבְּן דֶעם אַפֶּעטִיט פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ אַרַיינְצוּלֵייגְן נָאךְ אוּן נָאךְ גֶעלְט, זֵיי זָאגְן אִים: "דוּ זֶעסְט דָאךְ וָואסֶערֶע גוּטֶע מַזָל דוּ הָאסְט אַז דוּ פַּארְדִינְסְט פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְט, יֶעצְט לֵייג אַרַיין דַיין גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ מַאכְן דֶערוֹיף כֵּפֶל כִּפְלַיִם"... אוּן דֶער נַאר אִיז דֶער וָואס פָאלְגְט זֵיי אוּן לֵייגְט טַאקֶע אַרַיין אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, אוּן דָארְט עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה...

אוּן צוּמָאל גֵייט עֶס נָאךְ וַוייטֶער. זֵיי קֶענֶען זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ: "דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז עֶס גֵייט אַזוֹי, אַמָאל פַּארְדִינְט מֶען אוּן אַמָאל פַּארְלִירְט מֶען. פְּרוּבִּיר נָאךְ אֵיין מָאל אוּן דַאן וֶועסְטוּ צוּרִיק מַאכְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט מִיט נָאךְ גְרוֹיסֶע פַּארְדִינְסְטְן", אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר בָּארְגְט זִיךְ נָאךְ אָן פְרִישֶׁע גֶעלְטֶער מִיט דִי הָאפֶענוּנְג אַז נָאכְדֶעם וֶועט עֶר אַלֶעס קֶענֶען אָפְּצָאלְן אוּן עֶס וֶועט אִים נָאךְ אוֹיךְ אִיבֶּערְבְּלַייבְּן אִין דִי זַייט. אוּן וִוי פַּארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַּארְלִירְט עֶר אוֹיךְ דִי גֶעבָּארְגְטֶע גֶעלְט, אוּן יֶעצְט אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב צוּ זַיינֶע אַלֶע צָרוֹת. עֶר קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דְרֵייעֶן אוֹיפְ'ן גַאס וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט טְרֶעפְן זַיינֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת.

אוּן אִינְצְווִישְׁן, וִוי לַאנְג מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם צוּ בָּארְגְן פוּן דֶעם אוּן בַּאצָאלְן פַאר יֶענֶעם, קוּמְט שׁוֹין אָן דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת אוּן מֶען לִיגְט שׁוֹין אוֹיפְ'ן בֵּית עוֹלָם. עֶס שְׁטֵייט אִין תִּקוּנֵי זוֹהַר (תִּקּוּן ג' מֵהַתִּקּוּנִים הָאַחֲרוֹנִים) אַז גֶעלְט שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס הַרְגְ'ט אִים אָבֶּער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז נָאר וֶוען מֶען פַּארְלָאזְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען הָאט נָאר בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נָאר אוֹיף אִים קֶען מֶען זִיךְ אֶמֶת'דִיג פַּארְלָאזְן.

## חֲבֵרִים פוּן דִי גְמָרָא

אִין אוּמַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען ר' מַתִּתְיָהוּ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַז וֶוען עֶס אִיז אוֹיף אִים דוּרְךְ אַ שְׁוֶועריקַייט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט אַ צָרָה, פְלֶעגְט עֶר אִינְמִיטְן לֶערְנֶען זָאגְן: "אָמַר רָבָא, אָמַר רָבָא, רָבָא, רָבָא, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס אוּן בֶּעט פַאר מִיר אַז אִיךְ זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי צָרָה. אָמַר אַבַּיֵי, אַבַּיֵי, אַבַּיֵי, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וֶוען עֶר הָאט דֶערְמַאנְט אַ נָאמֶען פוּן תַּנָּא אָדֶער אַמוֹרָא, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן יֶענֶעם אַז עֶר זָאל אִים קוּמֶען צוּ הִילְף. דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן דָאס צוּגֶעקוּקְט הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר רֶעדְט מַמָשׁ צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס וֶוערְן דֶערְמַאנְט אִין דִי גְמָרָא. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין יְרוּשַׁלְמִי אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף עֶר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי דֶער תַּנָּא אָדֶער אַמוֹרָא שְׁטֵייט אִים פַאר דִי אוֹיגְן.

דָאס זֶענֶען יָא גוּטֶע חֲבֵרִים. אַ מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט אֶמֶת'עֶ חֲבֵרִים קֶען נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אָדֶער גְמָרָא זָאל עֶר שְׁפִּירְן וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זֶענֶען זַיינֶע חֲבֵרִים, אוּן עֶר קֶען זִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיי זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אוּן זֵיי וֶועלְן אִים טַאקֶע זִיכֶער הֶעלְפְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, צַדִּיק ח"ב אוֹת כ') אַז וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים הֶעלְפְט דָאס אַז מֶען זָאל קֶענֶען בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת מַמָשׁ שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶבַע. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעמַאכְט אַ סֵפֶר "שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים" וואוּ עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע צַדִיקִים צוּ זָאגְן זֵייעֶרֶע נֶעמֶען אוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם. אָבֶּער וֶוען מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען בַּאגֶעגֶענְט זִיךְ מִיט נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, אִיז דָאס דִי זֶעלְבֶּע חָשׁוּב, אוּן מֶען קֶען דָאס אוֹיסְנוּצְן אוֹיף זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ יְשׁוּעָה.

אִין חַזַ"ל וֶוערְט אַ תַּלְמִיד חָכָם אָנְגֶערוּפְן אַ "חָבֵר" (עַיֵּין בְּמַסֶּכֶת דְּמַאי וּבְעוֹד הַרְבֵּה מְקוֹמוֹת). דָאס מֵיינְט אַז אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן אַ צַדִיק אִיז דֶער בֶּעסְטֶער חַבֶר פַאר אַ מֶענְטְשׁ. וֶוען אַ אִיד אִיז נָאנְט מִיט אַ צַדִיק, דַאן הָאט עֶר אַ רִיכְטִיגֶער חַבֶר וָואס וֶועט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין לֶעבְּן. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס"ג:) זֵייעֶר הַארְבּ אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶערְנֶען מִיט אַ חַבֶר אוּן נִישְׁט אַלֵיין. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט מִיר גֶעזֶען אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוּן יָא גֶעלֶערְנְט אַלֵיין. דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים אַלְס חֲבֵרִים. ס'אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע חֲבֵרִים פוּן דֶעם.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בַּאהֶעפְט זִיךְ נָאר צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים אוּן נֶעמְט זֵיי אַלְס חֲבֵרִים, אוּן עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ גֶעטְרוֹיעֶן אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף סְתָם חֲבֵרִים וֶועלְכֶע קֶענֶען אִים זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' עֶרֶךְ חֲבֵרִים וְחֵלֶק ג' עֶרֶךְ בִּטָּחוֹן)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין וַוייבּ זָאל מִיר גֶעבְּן מֶער צַייט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין וַוייבּ אִיז אַ מְנַהֶלֶת אִין אַ מֵיידְל שוּלֶע, זִי אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אוּן זִי טוּט אַלֶעס וָואס זִי קֶען נָאר אַז עֶס זָאל זַיין דָאס בֶּעסְטֶע פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ. אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ בִּין אַלְץ דֶער צְוֵוייטֶער בַּיי אִיר נָאךְ דִי שוּלֶע, דָאס הֵייסְט אַז אִיךְ דַארְף אַלְץ אוֹיסְרֶעכֶענֶען אוֹיבּ אִיךְ מֶעג אָדֶער קֶען בֶּעטְן צַייט פוּן מַיין וַוייבּ צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר, כְּדֵי נִישְׁט אַוֶועקְצוּנֶעמֶען אִיר צַייט וָואס זִי דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ. מִיר זֶענֶען שׁוֹין לַאנְג חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה' אַ גוּטֶע קֶשֶׁר, אָבֶּער דִי פְּרַט מַאכְט מִיר אַסַאךְ אוּמְרוּאִיגְקֵייט. אִיךְ וִויל בֶּעטְן עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה אִיבֶּער דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אָדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וואוֹילֶע וַוייבּ וָואס אִיר לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; זַיי דוּ דֶער וָואס גֶעבְּט אוּן דֶער וָואס אִיז מַשְׁפִּיעַ אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט דֶער מְקַבֵּל וָואס וַוארְט צוּ בַּאקוּמֶען פוּן דִי וַוייבּ אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

וֵוייסְט אַוַדַאי וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, פַארְוָואס מִיר דַאנְקֶען יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה"; וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט מִיט דֶעם נַאטוּר אַז דֶער מַאן זָאל זַיין דֶער מַשְׁפִּיעַ - דֶער וָואס גֶעבְּט, אוּן דִי פְרוֹי אִיז דִי מְקַבֵּל - וָואס נֶעמְט, אַזוֹי פִירְט זִיךְ דִי וֶועלְט, אַזוֹי אִיז גֶעבּוֹיט אַ שְׁטוּבּ; אוֹיף דֶעם טוּעֶן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט דֶער מְקַבֵּל, מִיר זֶענֶען דִי וָואס גֶעבְּן.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זָאלְסְט לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ, סֵיי דַיין וַוייבּ וֶועט בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בְּלִיק אוֹיף דִיר, זִי וֶועט דִיךְ אָנְהוֹיבְּן מֶער שֶׁעצְן, סֵיי דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ טַאטֶע וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן סֵיי דוּ אַלֵיינְס וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ גַדְלוּת הַמּוֹחִין, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ בֶּן חוֹרִין. תּוֹרָה נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין קַטְנוּת הַדַעַת, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ו, ב): "אֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה", וֶוער אִיז אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶער? נָאר דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן לֶערְנֶען, נָאר לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, בְּלִי הֲבָנָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד; לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין"; דוּרְךְ לִימוּד הַתּוֹרָה וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן, סֵיי דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ שֶׁעצְן אוּן סֵיי דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין קֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

# גֶענוּג זִיךְ גֶעקְלַאפְּט

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט אָפְּלָאזְן דִי וֶועג פוּן זִיךְ קְלַאפְּן; אִיר זֶענְט נִישְׁט שְׁלֶעכְט, אִיר זֶענְט זַייעֶר טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר הָאט גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן. אִיר דַארְפְט גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פִּינְקְטְלִיךְ וָואס, וֶוען אוּן וואוּ; וואוּ מֶען וואוֹינְט, וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען קוּמְט, דִי מַאן, דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער וְכוּ׳.

גֶענוּג זִיךְ גֶעקְלַאפְּט, פוּן יֶעצְט דַארְפְט אִיר נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, הִתְבּוֹדְדוּת וָואס קוּמְט פוּן שִׂמְחָה אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִילָּה, סִימָן פא): ״תְּפִלָּה שֶׁהִיא בְּשִׂמְחָה הִיא עֲרֵבָה וּמְתוּקָה לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ״, וֶוען מֶען דַאוֶונְט בְּשִׂמְחָה אִיז דָאס זִיס אוּן אַנְגֶענֶעם פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי תְּפִילוֹת גֵיין אַרוֹיף זֵייעֶר הוֹיךְ. אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אָנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וַוארְף אַוֶועק דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד; אַז דוּ גְלֵייבְּסְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּ בִּיסְט אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְווֹת. אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ גֶעזוּנְט וֶוערְן, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶועלְן אַוֶועק גֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כה): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, ״וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ״, מֶען דַארְף אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, ״וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, אוּן אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אַלֶעס קוּמְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: ״וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה״, אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה-בְּשַׁלַּח תשפ״ג)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# נייע וועכענטליכע גליון ״שיעורי חינוך״ ווערט צוכאפט

דער נאמען פונעם ראש ישיבה שליט״א איז שוין היינט ברייט באקאנט אין די וועלט. פילע אידן זענען זיך מחיה טאג טעגליך מיט די דרשות און עצות וואס דער ראש ישיבה שרייבט און זאגט. בפרט איז באקאנט דעם ראש ישיבה׳ס דרשות און בריוו פאר מלמדים און מחנכים, ווי דער ראש ישיבה שליט״א קלארט אויס די שאלות און ספיקות בעניני חינוך און געבט עצות און הדרכה פאר מלמדים. גענומען פון די הייליגע ספרים ובפרט פון די ספרים פון הייליגן רבי׳ן און זיינע תלמידים. דאס איז אויסער די וועכענטליכע שיעור התחקות וואס דער ראש ישיבה שליט״א גיבט פאר מלמדים און טיטשערס, וואס האלט שוין יעצט ביי איבער הונדערט שיעורים, און בנוסף וואס דער ראש ישיבה זאגט עטליכע מינוט חיזוק פאר די מלמדים יעדן טאג נאכן שיעור גמרא אינדערפרי.

פילע מלמדים און לערערינס אין אלע מוסדות איבער דער גארער וועלט זענען זיך מחי׳ מיט די געוואלדיגע שיעורים וואס מען קען מיטהאלטן אויפ׳ן ״קול ברסלב״ טעלעפאן ליניע, מען דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורי התחזקות, 4 פאר פארשידענע געלעגנהייטן, און דערנאך 2 פאר די קורצע און לענגערע שיעורי חינוך.

יעצט האבן אנשי שלומינו אין ארץ ישראל באשלאסן ארויסצוגעבן מיט׳ן אייבערשטנס הילף א נייע וועכענטליכע גליון מיטן נאמען ״שיעורי חינוך״, וואו עס ווערט יעדע וואך אראפגעברענגט אויסצוגן פון די דרשות און בריוון בעניני חינוך.

שטייענדיג שוין ביים דריטן נומער פון דעם גאר הערליכן גליון, הערט מען צוריק גאר שיינע גריסן, ווי אזוי דער נייער גליון ווערט צוכאפט דורך אידן איבער די וועלט אזוי ווי די אנדערע גליונות פון היכל הקודש ביז יעצט, און וועט מאכן א רושם אויף די מחנכים און מחנכות צו געדענקען ווי צו לייגן דעם דגוש ווען מען איז מחנך קינדער, וויאזוי זיך אן עצה צו געבן אין שווערע מצבים, און וויאזוי מען קען בעז״ה מצליח זיין צו מחנך זיין דעם קומענדיגן דור על דרך ישראל סבא, און דער אייבערשטער זאל קענען שטאלצירן מיט זיי, ווי אזוי איז עס א שטארקע הילף פאר עלטערן צו וויסן די ריכטיגע וועג ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט די קינדער. דער גליון האט זיך אנגעהויבן מיט א הערליך אויגפארכאפענדע אויסשטעל, שיין מסודר קלאר צו ליינען, וואס וועט זיכער צוגעבן צום געשמאק.

דער גליון איז דא צו באקומען ביי די מפיצים, אדער קען מען זיך איינשרייבן צו באקומען יעדע וואך אויף אימעיל ביי Jhbul1234@gmail.com, אויב וויל מען באקומען דעם גליון אינאיינעם מיט אלע גליונות היכל הקודש, קען מען זיך אויפשרייבן ביי breslevcenter@gmail.com.

**והודעתם לבניך ולבני בניך!**

***

# גליון ״סיפורי מעשיות״ גרייכט נומער הונדערט

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט, ״איך זע אז מיט תורה׳ס גייט עס נישט, וועל איך אנהייבן צו דערציילן מעשיות.״ דער הייליגער רבי האט אין יענע תקופה אנגעהויבן דערציילן פאר אנשי שלומינו די דרייצן גאר אינטערעסאנטע ״סיפורי מעשיות״. אויבנאויף קענען די מעשיות אויסזען ווי סתם מעשיות, א קעניג האט געהאט א טאכטער, זי האט זיך פארלוירן; צוויי חברים איינער א חכם, כאפט אלעס אויף, און דער צווייטער א תם, א בטלן, קען קוים מאכן א שיך מיט דריי עקן; צוויי קליינע קינדער לעבן איבער נאכן ווערן פארלוירן אין וואלד, און דערנאך האבן זיי חתונה; צוויי שכנים אן ארימאן, און א סוחר, האבן נישט קיין קינדער, דער סוחר ראטעוועט די פרוי פונעם ארימאן, בײדע ווערן געהאלפן מיט א קינד, און עס גייט אריבער וואס עס גייט אריבער ביז דער שידוך קומט צושטאנד; אזוי פארציילט דער רבי די דרייצן וואונדערליכע מעשיות. אבער דער הייליגער רבי האט געזאגט אז זיינע מעשיות זענען נישט קיין פשוטע מעשיות געמאכט איינצושלעפן, פארקערט, דאס זענען הייליגע מעשיות וואס וועט אויפוועקן אידישע קינדער פון שלאף. מען קומט מען גייט, מען לויפט מען פארקויפט, און מען פארגעסט אינגאנצן פון תכלית, מען זעט געלט, כבוד, תאוות, מען קוקט נישט ארויף צום אייבערשטן. די הייליגע מעשיות דערמאנען א מענטש מה חובתו בעולמו, מיר זענען קינדער פונעם אייבערשטן דער קעניג פון דער וועלט, מיר זענען פארלוירן, דער צדיק דערמאנט אונז ״גיי צוריק צום אייבערשטן, דיין טאטע זוכט דיר, שריי צו אים״, און אזוי ווערן מיר ערוועקט צו ווערן ערליכע אידן.

ווי דער מנהג איז אין ברסלב, דערציילט דער ראש ישיבה די הייליגע מעשיות יעדן שבת קודש ביים קידוש נאכ׳ן דאווענען, ווי אנשי שלומינו קומען הערן די הייליגע ווערטער ווי דער ראש ישיבה נעמט ארויס פון די מעשיות וויאזוי מען קען האבן אויף דער וועלט א זיסע לעבן, וויאזוי מען קען האבן שלום בית אפילו מיט די שווערסטע אומשטענדן, וויאזוי מען קען פועל׳ן ביים אייבערשטן אלע ישועות וואס מען דארף, מען זאל נאר עפענען דאס מויל און זאגן עטליכע ווערטער צום טאטן וואס ווארט שוין אזוי לאנג צו הערן פון אונז, און אזוי ווייטער פילע עצות און חיזוק אין אלע סארט מצבים אין לעבן.

אנשי שלומינו פון איבער די וועלט האבן כסדר געזאגט, הלואי קענען מיר אויך הערן די ליכטיגע דיבורים, די געשמאקע חיזוק פונעם ראש ישיבה ביי סיפורי מעשיות. דערפאר האבן עטליכע אנשי שלומינו גענומען אויף זיך די אויפגאבע אראפ צו שרייבן יעדע וואך די אלע שיינע שמועסן פונעם ראש ישיבה ביי סיפורי מעשיות, מען דרוקט עס אפ אין א הערליכע גליון ״סיפורי מעשיות״ וואס ווערט צושפרייט איבער די וועלט מיט וואס טויזנטער אידן זענען זיך מחיה יעדע וואך.

יעצט איז דער גליון אנגעקומען צום סימבאלישן נומער ״הונדערט״, איז צייט צו דאנקען דעם אייבערשטן וואס האט אראפגעשיקט אזא מתנה פאר אונז דער הייליגער רבי וואס איבער צוויי הונדערט יאר נאך זיין פטירה קענען מיר נאך געניסן פון זיינע תורות, שמועסן, און מעשיות, וואס דאס פלאמט אויף און וועקט אויף אונזער הארץ צום אייבערשטן, און אזוי וועלן מיר מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף זוכה זיין צו ווערן ערליכע אידן.

צו באקומען דעם גליון אינאיינעם מיט אלע גליונות היכל הקודש, קען מען זיך אויפשרייבן ביי breslevcenter@gmail.com.

**למען תספר באזני בנך!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **וואלוי שטערן** הי״ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו״ה **שלמה יאקאב** הי״ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו״ה **דוד יעקב יאקאבאוויטש** הי״ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב


## היינטיגע עמלקים

**ווער זענען די היינטיגע עמלקים? וואס האב איך מיט זיי? און ווי אזוי קען איך זיי אויסרייסן און אויסמעקן?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 1, 120**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**